ירחמיאל בריקס, די צנטלויפערס (1975)

# באַגעגעניש מיט מרדכי געבירטיג

בשייכות מיט מיינע מעמואַרן פון דער אוממענטשלעכער היטלער־צייט אין פּוילן, האַלט איך פאַר וויכטיק צוצוגעבן זיכרונות וועגן מיינע באַגעגענישן מיט מרדכי געבירטיג און יוסף וואולף אין קראָקע. איך האָב זיך דאָרטן פאַרהאַלטן אַ קורצע צייט גלייך נאָך מיין באַפרייט ווערן פון לאַגער פאַר געפאַנגענע סוף 1939 און האָב אויסגעניצט די געלעגנהייט זיך צו זען צום ערשטן מאָל מיטביידע קראָקאָווער שרייבערס.

איך האָב געוואוסט, אַז אין קראָקע וואוינט דער פאָלקסדיכטער מרדכי געבירטיג, וואָס יידן איבער גאָר דער וועלט זינגען זיינע לידער. האָב איך געפרעגט מיין קוזינקע לאָלע וועגן זיין אַדרעס. האָט זי מיר געענטפערט: „ערגעץ אויף קוזמיר." ווען כ׳בין געקומען אויפן קוזמיר, האָב איך אָפּגעשטעלט אַ סך יידן און זיך נאָכגעפרעגט אויף געבירטיגס אַדרעס. יעדער האָט געזאָגט: „אַ, געבירטיג, דער זינגער", אָבער זיין אַדרעס האָט קיינער נישט געוואוסט, ביז איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַ יידן, וואָס האָט מיך צוגעפירט צום דיכטערס דירה, ערגעץ אין אַ הויף אויפן דריטן עטאַזש, אַרויפצוגיין אויף אויסגעטראָטענע הילצערנע טרעפּלעך.

איך בין אַריינגעקומען אין דער קיך און באַלד איז פון דער צווייטער שטוב אַריינגעקומען אַ מיטליאָריקער מענטש און געזאָגט:

—„געבירטיג? דאָס בין איך. שלום־עליכם, אַ ייד! — האָט ער מיך באַגריסט מיט האַרץ, דריקנדיק מיין האַנט — ווער איז אַ ייד? פון וואַנען איז אַ ייד?"

—„איך בין אַ יונגער יידישער דיכטער, פון לאָדזש..."

—„אָ איר זענט פון די געפאַנגענע לאָדזשער יידן? ווען זענט איר באַפרייט געוואָרן?"

—„מיט עטלעכע טעג צוריק."

—„ווי הייסט איר?"

—„ירחמיאל בריקס."

—„אַ, אויב אַזוי, קומט דאָך אייך טאַקע אַ ברייטער שלום־עליכם! — האָט ער מיר נאָך אַ מאָל געדריקט די האַנט — מיר האָבן זיך דאָך צוזאַמען געדרוקט אין „אינדזל", ביי זישע באַגישן..."

—„יאָ, אין מאַי, דאָס יאָר, אין דערשינען מיין ערשטלינג, לירישע לידער אונטערן נאָמען „יונג־גרין־מאַי."

—„כ׳ווייס, כ׳ווייס. נו, קומט אַריין." ער האָט מיך גענומען אונטערן



אָרעם און אַריינגעפירט אין דער צווייטער שטוב. איך האָב באַלד דערפילט אַ נאָענטקייט צו אים, ווי מיר וואָלטן זיך שוין לאַנגע יאָרן געקענט. דאָס האָט געשאַפן זיין פאָלקסטימלעכקייט און זיין ענוות.

מרדכי געבירטיג איז געווען פון העכערן וואוקס. ער האָט געהאַט אַ לענגלעך, ברייט און רונדיק פּנים, אַ לאַנגע, ברייטע נאָז און גרויסע שוואַרצע אויגן. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט טרויער און יסורים. ער האָט געהאַט אַ קראַנק האַרץ, ביים רעדן האָט אים פאַרפעלט אָטעם. זיין שטים איז געווען אַ ווייכנעדיקע. דאָס ערשטע האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן: אַ סך מעדיצינען, וואָס זענען געשטאַנען אויפן קרעדענץ.

„זעצט אייך — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול ביים טיש — מאַכט אייך באַקוועם, פילט אייך ווי ביי זיך אין דער היים. טוט אויס דעם מאַנטל."

— זעט איר, חבר בריקס: אַפילו דער קריג קען אויך ברענגען עפּעס גוטס, כ׳מיין דאָס, וואָס מיר זיינען אַצינד צוזאַמען. פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען פאַר דער מלחמה? איך וואָלט אייך געווען איינגעאָרדנט אַ ליטעראַרישן אָוונט."

—„ס׳טוט מיר טאַקע באַנג."

כאָטש ס׳איז געווען אַ זוניקער טאָג, איז דאָ טונקל געווען, ווייל די באַלקאָנען האָבן פאַרשטעלט דאָס ליכט. די דירה איז באַשטאַנען פון איין שטוב מיט אַ קיך, מיט אַלט מעבל. אויף די ווענט זיינען געהאָנגען דריי פּאָרטרעטן פון זיינע מיידלעך, וואָס ער האָט פאַראייביקט אין זיין באַוואוסט ליד „דריי טעכטערלעך", וואָס יידן זינגען און פאַרגיסן דערביי טרערן. אויף דער וואַנט גלייך קעגן איבער דער טיר איז געהאָנגען אַ גרויס בילד פון אַ באַוואוסטן מאָלער: געבירטיג מיט זיין ייִנגסטער טאָכטער. זי האָט עס מיט איר שיינער שטים און שטאַרקן געפיל די ערשטע מפורסם געמאַכט דעם פאָטערס לידער.

געבירטיג האָט געזען, ווי איך ביטראַכט דאָס בילד, האָט ער געזאָגט: „איך האָב אַנומלט געזען, אַז נישט אַלע דייטשן זיינען פאַרדאָרבן: די דייטשן האָבן געכאַפּט יידן אויף אַרבעט, זיינען אַריינגעפאַלן פון שטוב צו שטוב און געשלאָגן. איך האָב איבערגעלעבט אימת־מוות. די טיר איז אויפגעפּראַלט געוואָרן און עס האָבן זיך אַריינגעריסן אַן אָפיציר מיט צוויי זעלנערס. ווען דער אָפיציר האָט דערזען דאָס בילד, איז ער געבליבן פאַרגאַפט און ער האָט מיך פריינדלעך געפרעגט: „ווער איז דאָס אויף

דעם בילד? ווער איז דער מאָלער?" ער האָט באַוואונדערט ווי נאַטירלעך און לעבעדיק דאָס בילד איז און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען.

אין דער קיך האָט זיך ביי עפּעס געפּאָרעט די ייִנגסטע טאָכטער. עס איז אָנגעקומען פון דער גאַס די מיטלסטע טאָכטער. געבירטיג האָט מיך מיט איר באַקענט. דערנאָך איז אָנגעקומען זיין פרוי, אַן אויסגעאַרבעטע, אַן אויסגעמאַטערטע פון צרות און נויט. מרדכי געבירטיג איז כל ימיו געווען אַן אָרעמאַן. ער איז געווען אַ טישלער, פון אָט דער אַרבעט האָט ער זיך מפרנס געווען. ווי ס׳ווייזט אויס, האָבן די קראָקעווער ייִדן אים אָפּגעשאַצט און געהאָלפן, ווייל אַלע זיינע דריי קינדער האָבן געהאַט געענדיקט גימנאַזיום. אין פוילן איז דעמאָלט דאָס געווען פאַרבונדן מיט אַ סך געלט.

„באַקען דיך מיט אַ יונגן ייִדישן פּאָעט — האָט געבירטיג געזאָגט צו זיין פרוי — אַ לאָדזשער, ער קומט פון געפאַנגען־לאַגער, פון קאָביעזשין."

מיר האָבן זיך באַגריסט. זי האָט אויף מיר געוואָרפן טרויעריקע בליקן און האָט באַלד פאַרלאָזט דאָס הויז. עס האָט נישט געדויערט לאַנג און זי איז אַריינגעקומען מיט אַ שוואַרצער איבערגעגאַנגענער מאַרינאַרקע אין דער האַנט און צו מיר געזאָגט: „מעסט נאָר דאָס אָן." איך האָב זי געפאָלגט. די מאַרינאַרקע איז נישט געווען מיין מאָס, אָבער איך האָב זי צוגענומען מיט אַ האַרציקן דאַנק.

געבירטיג האָט מיר אָנגעוויזן אַ בילד אויף דער וואַנט: „איר זעט, חבר בריקס, דאָס איז מיין עלטסטע טאָכטער שיפּרעלע. זי האָט חתונה געהאַט אין דער מלחמה מיט אַ דאָקטער און זיינען באַלד אַוועק קיין רוסלאַנד. זיי שיקן מיר בריוו מיט שליחים. דעם לעצטן בריוו פון זיי האָבן מיר באַקומען פון לעמבערג. ווער ווייסט וואו זיי זיינען אַצינד? מען שמועסט שטאַרק, אַז די רוסן וועלן קומען, אַז ס׳וועלן איינגעשטעלט ווערן די גרענעצן פון פאַרן 1914־טן יאָר."

געבירטיג האָט פאַר מיר פון זיכרון פאָרגעלייענט דאָס ליד:



## שיפּרעלעס פּאָרטרעט

אויף דער וואַנט לינקס פון מיין בעט
הענגט מיין טאָכטער שיפּרעלעס פּאָרטרעט.
אָפּט מאָל, אין דער מיט פון נאַכט,
ווען איך בענק נאָך איר און טראַכט,
זע איך, ווי זי קוקט אויף מיר,
הער איך, ווי זי רעדט...
— טאַטעשי, כ׳ווייס, ס׳איז דיר באַנג.
ס׳וועט דער קריג שוין נישט געדויערן לאַנג.
קומען וועל איך באַלד צו דיר,
ס׳קלאַפּט דער פרילינג שוין אין טיר.
— שמייכלט ליב צו מיר און רעדט
שיפּרעלעס פּאָרטרעט...

טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן. ביידע טעכטער זיינען געזעסן ביים טיש, האָבן געקוקט דעם טאַטן אין מויל אַריין און האָבן זיך איינגעהערט מיט יראת־הכבוד. דאָס ווייב האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. געבירטיג האָט זיך אויפגעשטעלט און געבראַכט זיינס אַ בוך. ער האָט עס געהאַלטן אַזוי ווי מען האַלט אַ נאַר וואָס געבוירן פייגעלע: „איר זעט, חבר בריקס, דאָס זיינען מיינע לידער, וואָס דער „ייִוואָ", דער „ייִוואָ" אין ווילנע, האָט אַרויסגעגעבן." „ייִוואָ" האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט שטאָלץ און דערהויבנקייט.

„אײַערע לידער זיינען געשריבן פּשוט, מיט דעם לשון ווי דאָס פאָלק רעדט", האָב איך אים געזאָגט, נעמענדיק פון אים דאָס בוך, אַרויסגעגעבן אין 1938. איך האָב איבערגעמישט אַ בלעטל און געלייענט דאָס פאָרוואָרט פון מ. קיפּניס:

„יעדער דור האָט זיינע פאָלקס־זינגער און דיכטער. נישט מער: דאָס רוב זינגער און דיכטער זינגען פאַר זיך אַליין. זייער שירה האָט נישט דעם כוח אַרויסצורייסן זיך אין גאַס אַריין. כל־זמן זיי לעבן זינגען זיי, שטאַרבן זיי אָפּ — שטאַרבט מיט זיי אָפּ זייער דיכטונג און פאָלקס־געזאַנג. מרדכי געבירטיג איז דער הונדערט־פּראָצענטיקער פאָלקס־זינגער און פאָלקס־דיכטער, וואָס זינגט, שאַפט און ווייַנט אויס זיין ליד אין שטוב און דאָס ליד זיינס פראַלט אויף טיר און פענצטער און פילט אָן די גאַס מיט שירה, באַזינגט דאָס אייגנאַרטיקע ייִדישע לעבן.

געבירטיגס אַ ליד קלעמט דאָס האַרץ, וואַרעמט און פילט אָן די יידישע נשמה מיט זיסער מעלאַנכאָליע און פריידיקן ציטער. און נאָך אַ סימן פון עכטער נישט־געפעלשטער פאָלקס־דיכטונג און פאָלקס־געזאַנג: וואָס מער מען הערט עס, אַלץ מער באַגייסטערט עס, וואַרעמט און ווירקט. דאָס איז אויך דער כוח און סוד פון געבירטיגס דיכטונג און געזאַנג, וואָס איז שוין געוואָרן די דיכטונג און געזאַנג פון גאַנצן פאָלק.״

איך האָב געטראַכט: דאָס איז דאָס העכסטע, וואָס מען קען זאָגן וועגן ריכטיקער קונסט, וועגן פאָלקסטימלעכער דיכטונג.

איך האָב דורכגעלייענט עטלעכע לידער. צו יעדער ליד איז געווען געדרוקט די מוזיק.

„חבר געבירטיג — האָב איך געזאָגט — איך האָב געהערט אייערע לידער זינגען אין יידישן טעאַטער, איבער די הייפן און גאַסן פון גאַסן־זינגערס, אין די וואַרקשטאַטן פון אַרבעטערס; מאַמעס וויגן איין קינדער מיט אייערע לידער. איך אַליין האָב גרויס הנאה פון זינגען אייערע לי־דער. די יוגנט אין יידישע אָרגאַניזאַציעס זינגט אייערע לידער. וואו עס וואויגען נאָר יידן זינגט מען אייערע לידער. איר האָט אונדז געגעבן דעם מיזרח־איראָפּעאישן ייד פון געבוירן ווערן ביז צום קבר, דעם שטייגער לעבן פון אַלע זיינע שיכטן: אַפילו דעם גנב, אָבער מיט רחמנות, און דעם אַרבעטסלאָזן פּראָלעטאַריער. איר קומט פון פאָלק, שעפּט פון פאָלק און שאַפט פאַר דעם פאָלק. איר מאַכט נישט קיין לידער דורך אויסגעלערנטער טעכניק, אַ בער קען מען אויך אויסלערנען טאַנצן; די לידער און די מוזיק קוואַלן אַרויס פון אייער האַרץ אַזוי ווי אַ שטראָם פון אַ קוואַל; אַזוי עכט, אַזוי נאַטוראַל.״

געבירטיג האָט געפּרוּווט פּאַרטושן מיינע רייד און ער האָט געזאָגט: „ווייס איך וואָס? איך שרייב פּשוט אַזוי ווי איך קען — אַ פּשוט לידל און שוין. חבר בריקס, מען האָט מיך באַגנבעט ס׳גאַנצע לעבן. די יידישע אַקטיאָרן האָבן געמאַכט געלט פון מיינע לידער און מיר נישט באַצאָלט קיין איין גראָשן. איר זעט דאָך וואָס פאַר אַ מזל איך האָב: די פירמע „סירענאַ״, אין וואַרשע, האָט געמאַכט פּלאַטן פון מיינע לידער אָן מיין וויסן. ווען כ׳האָב מיך דערוואוסט וועגן דעם, האָב איך זי איינגעקלאָגט און דאָס געריכט האָט צוגעמישפּט מיר צו באַצאָלן פופציק טויזנט זלאָטעס! די פירמע האָט אַפּעלירט און דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט באַשטעטיקט דעם אורטייל, האָט די פירמע אָנגעגעבן צום העכסטן גע־ריכט אין וואַרשע. איך האָב געהאַט אַ געוואונענע „ספּראַווע״: איר שטעלט



איך פאָר: פופציק טויזנט זלאָטעס?! דער קאַסאַציע־פּראָצעס האָט געזאָלט פאָרקומען דעם אַכטן סעפּטעמבער און די מלחמה איז אויסגעבראָכן דעם ערשטן סעפּטעמבער״, האָט געבירטיג פאַרענדיקט טרויעריק.

„אַזוי איז שוין דער גורל פון קינסטלער״, האָב איך געזאָגט.

„כ׳האָב געלייענט דאָס עסייעלע, וואָס מיין חבר ל. מ. פּעטשעניק האָט וועגן אייך געשריבן. ער איז אַן ערלעכער מענטש, אַ גרויסער תלמיד־חכם און ערודיט. ער וואוינט אין לוויוויטש, אָבער יעדער זומער האָבן מיר צוזאַמען געוואוינט אין ראַבקע, לעבן קאַזשימיעזש. עס זיינען דאָרטן אַהין געקומען אַ סך יידישע קינסטלערס״ — ער האָט אַרויסגענומען אַ פאָטאָגראַפיע און מיר געוויזן — „איר זעט, דאָס בין איך און פּעטשעניק. דאָס בילד איז גענומען געוואָרן דעם לעצטן זומער אין ראַבקע.״

„אַ פיינער עסייאיסט דער פּעטשעניק — האָט געבירטיג ווייטער גערעדט — אַ גרויסער קענער פון דער אַלטער גריכישער ליטעראַטור. ער איז אויך אַ לינגוויסט: ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ביכל וועגן אַלטן יידיש, האָב איך נישט פאַרשטאַנען מער ווי צוויי ווערטער. גאָר אַן אַנדער יידיש האָבן יידן גערעדט מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אויסגעוואַקסן אַ שיין לשון, אַ רייך לשון.״

מיט אַ תירוץ האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פון אָנגעבאָטענעם עסן און האָב אָנגענומען געבירטיגס בקשה צו קומען צו אים זונטיק צו מיטיק.

איך האָב געהאַלטן וואָרט און געקומען צו דער באַשטימטער צייט, נאָכן טרעפן זיך מיטן יונגן שרייבער יוסף וואולף, וואָס האָט אויך געלעבט אין קראָקע, און וועגן דעם וועל איך שפּעטער באַשרייבן.

נאָכן אָפּעסן אַן איינפאַכן מיטיק האָט געבירטיג מיר איבערגעגעבן, אַז יוסף וואולף איז היינט געווען ביי אים. „ער האָט מיר דערציילט וועגן אייער רעציטירן משה שולשטיינס „צוגן״ און געזאָגט, אַז די רעציטאַציע אייערע איז בעסער פון מאַלווינאַ ראַפּעלס.״

געבירטיג האָט פאָרגעלייענט פאַר מיר עטלעכע לידער אויף אויס־וויניק, צווישן זיי דאָס באַרימטע „אונדזער שטעטל ברענט״. היות שפּע־טער זיינען אַריינגעפאַלן פאַרשידענע וואַריאַנטן אין דאָזיקן ליד, איז כדאי דאָ צו ברענגען דעם טעקסט, ווי איך האָב עס געהערט פון געביר־טיגס מויל:

# אונדזער שטעטל ברענט

ס׳ברענט, ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פלאַמען.
אַלץ אַרום שוין ברענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט!...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
ס׳האָבן שוין די פייערצונגען
דאָס גאַנצע שטעטל איינגעשלונגען —
און די בייזע ווינטן הוזשען,
ס׳גאַנצע שטעטל ברענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט!...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, עס קען, חלילה, קומען דער מאָמענט:
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פלאַמען.
בלייבן זאָל, ווי נאָך אַ שלאַכט,
נאָר פוסטע, שוואַרצע ווענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט!...



ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
די הילף איז נאָר אין איך אַליין געווענדט:
אויב דאָס שטעטל איז איך טייער,
נעמט די כלים לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט —
באַווייזט, אַז איר דאָס קענט.

שטייט נישט, ברידער, אָט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט.
שטייט נישט, ברידער, לעשט דאָס פייער!
אונדזער שטעטל ברענט!

געבירטיג האָט געלייענט פשוט, מיט האַרץ, מיט אַזאַ גוטער דיקציע אַז מען האָט געהערט אַרויסריידן יעדער אות. דאָס ליד האָט מיך אויפגעטרייסלט; מרדכי געבירטיג דער פאָלקסמענטש, אין די מיטעלע יאָרן האָט געהאַט אַ ווייטן בליק, ער האָט דערפילט מיט זיין אינטואיציע, וואָס עס רוקט זיך אָן אויף דעם יידישן פאָלק אין פוילן. ער איז געווען דער נביא פון זיין פאָלק, אַזוי ווי וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי האָט פאָרויסגעזען דעם חורבן פון די יידן אין פוילן. יצחק קאַצענעלסאָן האָט געמוזט פריער דורכמאַכן וואַרשעווער געטאָ, כדי ער זאָל וואַרפן די לאָזונג: „יידן, נעמט איך צום געווער! יידן לערנט איך שיסן!״ געבירטיג האָט נאָך אין יאָר 1938 דאָס אַלץ פאָרויסגעזען און פאָרויסגעזונגען.

געבירטיגס רוף האָבן אויסגעפירט די יידישע פאַרטיזאַנער, די אויפשטענדלערס אין וואַרשעווער געטאָ און אַנדערע געטאָס און לאַגערן. דאָס דאָזיקע ליד, כאָטש עס איז פריער קיין מאָל נישט געווען געדרוקט, איז דערגאַנגען צום פאָלק פון מויל צו מויל, פון געטאָ צו געטאָ, פון לאַגער צו לאַגער. ס׳איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער הימן, ווייל דער פאָלקסדיכטער מרדכי געבירטיג איז געווען אַ שליח־ציבור פון פוילישן יידנטום. ער האָט אין זיינע לידער געגעבן: דאָס האַרץ און די נשמה פון זיין פאָלק.

איך האָב אָבער נישט געקענט מסכים זיין מיט געבירטיגס פעסימיזם. איך בין געווען אַן אָפּטימיסט, אין 1940, ווי אַלע שפּעטערדיקע יאָרן פון דעם צווייטן וועלטקריג.

איך האָב שפּעטער אָנגעשריבן אַן אָפּטימיסטיש ליד ווי אַ מין ענטפער אויף געבירטיגס „שטעטל״ און אים געווידמעט. איך האָב עס אים

איבערגעשיקט מיט מיין קוזין משה־הערש, וואָס האָט געוואוינט אין קראָקע. משה־הערש האָט מיר דערציילט, אַז דאָס ליד האָט אויף געבירטיגן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און ער האָט געזאָגט: „עס איז פאָלקסטימלעך און ליטעראַריש.״ אָט איז דאָס ליד:

## נישט פאַרצווייפלען

ס׳איז נאָר אַ דורכווייענדיקער ווינט —
נישט פאַרצווייפלען מיין קינד.
מיר זיינען אַלטעביימער, טיף און ברייט,
אין דער ערד פאַרוואָרצלט
מיט גרויסע קרוינען,
וואָס באַצירן די וועלט;
שטאַרקע שטורעמווינטן
קענען פון אונדז
די בלעטער נאָר אָפּרייסן,
די צווייגן אָפּברעכן,
אָבער נישט די קרוינען.
שטאַרקע, טיף־פאַרוואָרצלטע ביימער
קענען ווינטן נישט אויסרייסן,
נישט אויסוואָרצלען!
מיר זיינען ביימער אייביקע,
וואָס גיבן דער וועלט פּירות שפּייזנדיקע.
מיר וועלן אייביק זיין!
ס׳איז נאָר אַ דורכווייענדיקער ווינט —
נישט פאַרצווייפלען מיין קינד...

אין לאָדזשער געטאָ איז דאָס ליד רעציטירט געוואָרן. עס האָט אַריינגעבלאָזן ביטחון, גלויבן, אַז מיר וועלן איבערלעבן. היינט זע איך: ביידע זיינען מיר געווען גערעכט. ביידנס ווערטער זיינען מקוים געוואָרן.

איך האָב מיך געזעגנט מיט דער פרוי, מיט די צוויי טעכטער. ווען



כ׳האָב מיך געזעגנט מיט דער יינגסטער טאָכטער, האָט זי שטאַרק געדריקט מיין האַנט, איך האָב אויך אַזוי געטאָן. זי האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דאָס פּנים איז געוואָרן ראָזיק. מיך האָט געצויגן זי אַ קוש צו טאָן, אָבער כ׳האָב מיך געשעמט. מיט געבירטיגן האָב איך מיך שטאַרק צעקושט. זיינע לעצטע ווערטער צו מיר זיינען געווען: „געדענקט, למען השם, באַשרייבט אַלץ, וואָס איר האָט דורכגעלעבט. אייער חוב איז דורכצופירן די דאָזיקע מיסיע.״

איך האָב מיטגענומען ליבע און ווייטיק צו דער דאָזיקער מישפּחה. די גאַנצע מילחמה האָב איך נישט פאַרגעסן די געבירטיגס און געחלומט: ווען די מילחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך פאָרן קיין קראָקע צו זיי, אפשר וועט די יינגסטע טאָכטער ווערן מיין באַשערטע.

פון געבירטיגס מישפּחה איז קיינער נישט געבליבן לעבן. מען דערציילט: ווען די דייטשן האָבן ליקווידירט די קראָקעווער געטאָ, איז מרדכי געבירטיג געזעסן אין גאַס אויף אַ שטיין און געשריבן אַ ליד, האָט אים אַ דייטש דערשאָסן. וואוהין זיין געביין איז אַהינגעקומען, ווייסט מען נישט. זיין ליד איז אָבער געבליבן און ווערט געזונגען פון זיין פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער וועלט. וואָס מער מען זינגט עס, אַלץ מער באַגייסטערט עס. זיין ליד פון חורבן וועט בלייבן אויף דורות.

## אַ באַזוך ביי יוסף וואולף

זייענדיק אין קראָקע אָנהייב 1940, נאָך מיין באַפרייט ווערן פון געפאַנגען־לאַגער, האָב איך זיך געוואָלט טרעפן מיטן יונגן יידישן שרייבער יוסף וואולף, וואָס האָט אויך, ווי געבירטיג, געלעבט אין יענער שטאָט. ביים געזעגענען זיך פון געבירטיגן, האָב איך אים טאַקע געבעטן וואולפס אַדרעס, וואָס ער האָט מיר געגעבן.

י. וואולף האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט אַרויסגעגעבן אַ בוך קריטיק מיט אַ פאָרוואָרט פון משה שימעל. דאָס בוך האָט ער מיר צוגעשיקט. ער האָט דאָרטן געשריבן וועגן אַ סך פאַרשוויגענע יונגע יידישע דיכטערס